תצא תשפ"ה
גליון 253

# דער ריינער קוואל

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

טַייעֶרע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער! גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הַאלְטְן שׁוֹין טִיף אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ מִיט גְרוֹיס פְּרֵייד צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיּוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַז וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אִים אִיז פַּאסִיג מֶען זָאל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם מַתָּנָה".

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף תְּשׁוּבָה.

עֶס אִיז דָא אַ תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "לְהִתְחַזֵּק בְּכָל פַּעַם נֶגֶד הַיֵּצֶר הָרָע - זִיךְ אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע" (תּוֹרָה ע"ב)

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וֶוערְט דֶעמָאלְט אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְדֶעם ווִיל עֶר טוּן עֶפֶּעס אַן עֲבוֹדָה, ווַייל זַיין הַארְץ הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערִיבֶּער ווִיל עֶר פָארְן צוּם צַדִּיק.

וֶוען עֶר פָארְט שׁוֹין צוּם צַדִּיק וֶועקְט זִיךְ פְּרִישׁ אוֹיף דֶער יֵצֶר הָרָע (עֶס דֶערְמַאנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַב אוּן בֶּן יָחִיד) אוּן עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ דֶער חֵשֶׁק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פַארְדֶעם.

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צַדִּיק, דֶעמָאלְט הֵייבְּט אָן דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר רֵייסְט זִיךְ נָאכְמֶער מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט לֵיידֶער דֶעם גַאנְצְן חֵשֶׁק.

זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּנְדֶעם, וֶוער נִישְׁט צוּמִישְׁט, דֶער הֶסְבֵּר פוּן דֶעם אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. בַּיים אָנְהֵייבּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, הָאט עֶר דֶערְמִיט גֶעהַרְגֶ'עט דֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶער ס"מ אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס! דֶערְנָאךְ וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּם צַדִּיק קוּמְט צוּ גֵיין אַ נַייעֶ יֵצֶר הָרָע, ווַייל חֲזַ"ל זָאגְן "כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ - וֶוער עֶס אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע מַדְרֵיגָה פוּן זַיין חָבֵר, הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרָע", דֶערְפַאר דַארְף עֶר זִיךְ מֶער שְׁטַארְקְן קֶעגְן דֶעם נַייעֶם גְרוֹיסְן יֵצֶר הָרָע.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס יֶעדֶער אִינְגְל דַארְף דָאס ווִיסְן. כְּדֵי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה, אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרַיין אִין מֹחַ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען אָדֶער וֶוען אִימֶער, זָאל זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן (לֹא יִכְפַּת לֵיהּ) פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת נָאר עֶר זָאל ווַייטֶער טוּן וָואס עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן טוּן, אוֹיבּ עֶר הַאלְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען זָאל עֶר ווַייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער,

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען. אוֹיב דִי מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען אִינְמִיטְן טָאג, זָאל עֶר טְרַאכְטְן פוּן עִסְקֵי חוֹל, סְתָם גֶעשֶׁעפְטְן אָדֶער רֶעכֶענֶען חֶשְׁבּוֹנוֹת, אַבִּי זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס וִילְן צִיעֶן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אַלֶעמָאל וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז אַנְטְקֶעגְן אִים שְׁטֵייט אַ גוֹי, דָאס הָאט דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר גֶעפַּיינִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוְונֶען וֶוען אַ גוֹי שְׁטֵייט אִים קֶעגְן זַיין פָּנִים, וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת אִיז עֶס נָאר עֶרְגֶער גֶעוָוארְן!

בִּיז אַ חָכָם הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, עֶס זָאל אִים בִּכְלָל נִישְׁט אָנְגֵיין אַז דֶער גוֹי אִיז דָארְט, "דַאוְונֶען וַוייטֶער, לָאז דֶעם גוֹי שְׁטֵיין דָארְטְן אוּן טוּ וַוייטֶער דַיינְס" אַזוֹי וֶועט דֶער דִמְיוֹן פוּנֶעם גוֹי אַוֶועק גֵיין.

דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס; אַז דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ צוּ הֵיילִיגְן אוּן מְטַהֵר זַיין אוּן גֵיין צוּ אַ חָכָם וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ רִיכְטִיגֶע עֵצָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, מִיט דִי כּוֹחַ פוּן דִי צַדִּיקֵי אֱמֶת וָואס מִיר גְלֵייבְּן אִין זֵיי. עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער גֶעבֶּעט "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר וְנִזְכֶּה כֻלָּנוּ יַחַד בִּמְהֵרָה לְאוֹרוֹ, אָמֵן

המשך פון זייט 11

# דִי אֱמֶת דֶערְנֶענְטֶערְט

"דִי תְּנַאי אִיז אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס מִיט אַן אֱמֶת בֶּאֱמֶת, אָן צוּ עֶפֶּעס בַּאהַאלְטְן פוּן אִים. לְמָשָׁל, אוֹיב אִיר הָאט אַמָאל גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, אוּן פְּלוּצְלִינְג אִיז דָאס חֵשֶׁק פוּן לֶערְנֶען נֶעלְם גֶעוָוארְן, אוּן עֶס דֶערְוֶועקְט זִיךְ בְּלוֹיז בַּיים שְׁפִּילְן מִיט דִי 'יוֹ יוֹ סִינִי', [יוי יוי טשייניז] דַארְפְט אִיר אִים דֶערְצֵיילְן אַזוֹי: 'טַייעֶרֶע רֶבִּי, עֶס אִיז שׁוֹין בֶּאֱמֶת אַ תְּקוּפָה וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹיפִיל חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, אוּן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִין כִּתָּה בִּין אִיךְ זֵייעֶר מִיד, אוּן אִין אַנְדֶערֶע צֵייטְן עֶרְוֶועק אִיךְ זִיךְ פְּלוּצְלִינְג מִיט פְלַייס אוּן חֵשֶׁק. אִיךְ בֶּעט דִיר, פּוֹעֵל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אֵייבִּיג מִיט שִׂמְחָה, גֶעשְׁמַאק, אוּן פַארְשְׁטַאנְד'..."

"טַאטֶע, רִיכְטִיג אַז אִין דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דֶעם, אַז דֶער חָכָם הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אִיז וַוייט פוּן דִי קֶענִיג וֶועגְן זֵיי רֶעדְן לִיגְנְט?"

"רִיכְטִיג אַהֲרֶ'לֶע. דָאס לִיגְנְט דֶערְוַוייטֶערְט מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק פוּן בַּאשֶׁעפֶער - דֶער אֱמֶת'עֶר קֶענִיג, אוּן אַן אֱמֶת'עֶר וָוארְט, אָן קֵיין בּוּשָׁה, דֶערְנֶענְטֶערְט אוּנְז צוּ אִים".

דִי טַייעֶרֶע בְּרִידֶער זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן, אוּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעגָאסְן זֵייעֶר הַארְץ נֶעבְּן צִיּוּן פוּן צַדִּיק מִיט אַן אֱמֶת אוּן תְּמִימוּת, אוּן מִיט אַ גֶעבֶּעט אַז עֶר זָאל פּוֹעֵל'ן זֵיי זָאלְן זִיךְ אֱמֶת'דִיג דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

# איין מעשה'לע

*דער באשעפער באוויזט וואונדער*
*פאר זיינע ליבע קינדער*

פַּאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק י"א אֱלוּל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיי אַ חֲתוּנָה פוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער-קִינְד, בַּיים עֶק פוּנֶעם זַאל אִיז גֶעוֶוען טֶעפּ פוּן פַארְשִׁידֶענֶע גֶעקֶעכְטְס אוּן בֶּעקֶעלֶעך פוּן קוּגְל גֶעוַוארֶעמְט אוּנְטֶער דֶעם מִיט פַּייעֶרְלֶעך. אִיךְ קוּם מִיט מַיין טֶעלֶער אוּן לֶעפְל, וֶוען אִיךְ עֶפְן אוֹיף אֵיין טֶעפְּל וָואס אִיז גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, מִמֵּילָא הָאבּ אִיךְ עֶס נִישְׁט רִיכְטִיג גֶעעֶפְנְט אוּן דֶער גַאנְצֶער קוּגְל מִיט דִי הֵייס וַואסֶער פוּן אוּנְטֶער דֶעם הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיף מִיר! עֶס אִיז אוֹיפְן אָרְט גֶעוָוארְן דָארְט אַ בֶּהָלָה, דֶער גַאנְצֶער זַאל אִיז זִיךְ אוֹיפְאֵיינְמָאל צַאמְגֶעלָאפְן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ בְּרִי אוֹיף מַיין גַאנְצְן פִּיס.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ אִיד וֶועלְכֶער הָאט מִיר פַארְבִּינְדְן דִי פִּיס מִיט אַ שְׁמִירֶעכְטְס עֶס זָאל הֵיילְן דִי וואוּנְדְן, אוֹיפְצוּמָארְגְנְס זֶענֶען מִיר וִוידֶער גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד פְּרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם, צוּ מַאכְן זִיכֶער אַז דִי נְסִיעָה וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁוֶוערְן מַיין וואוּנְד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט נִישְׁט שְׁטֶערְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶע טֶעג, אָבֶּער מֶען אִיז עֶס אַרִיבֶּער אוּן מֶען דַארְף דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז נָאר דִי וַואסֶער אִיז גֶעפַאלְן אוֹיפְן מִיר אוּן נִישְׁט דִי גַאנְצֶע שְׁוֶוערֶע טָאפּ וָואס וָואלְט גֶעקֶענְט חַס וְשָׁלוֹם גוֹרֵם זַיין גָאר אַ שְׁוֶוערֶע אִינְצִידֶענְט. פַאר דֶעם נֵס ווִיל אִיךְ דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דַאנְקְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר וָואכְן פַאר מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן אוּן וֶוען דָאס פַּאסִירְט אַפָּאר טֶעג פַאר מֶען פָארְט קַיין אוּמַאן וָואלְט אִיךְ לִכְאוֹרָה נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן.

דָאס אִיז אַ לִמּוּד אַז עֶס אִיז זֵייעֶר כְּדַאי צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אַז מֶען זָאל קֶענֶען פָארְן רוּאִיג אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען, דַאנְקְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אוּן הָאבְּן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אַז דִי אַלֶע שְׁוֶועריגְקַייטְן אָדֶער קְרֶענְק וָואס מֶען שִׁיקְט, בִּפְרָט דָאס יָאר וָואס לַיידֶער לִיגְן אַזוֹיפִיל קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אִין דִי בֶּעטְן אוּן רַאנְגְלֶען זִיךְ מִיטְן לֶעבְּן, דַארְף מֶען גוּט חַזֶר'ן דִי אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז טוֹב לַכֹּל, עֶס אִיז אַ פְּרוּאוו מִיר זָאלְן זִיךְ נָאךְ מֶער אוּן מֶער דֶערְנֶעעְנְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן גְלֵייבְּן אַז דֶער יוֹצֵר הַכֹּל זֶעט אוּן וֵוייסְט אוּן פִירְט אַלֶעס, אוֹיף אוּנְז אִיז גֶעבְּלִיבְּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיטְן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וַוארְפְן קְלֵיינֶע תְּפִלּוֹת וֶוען מֶען קֶען אוּן זָאגְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה". "בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר דִי מַתָּנָה פוּן אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה".



| | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ק | א | א | ו | מ | א | נ | נ | ר | א | ב |
| נ | א | ו | ס | א | ו | מ | א | נ | א | ו | י |
| א | ו | מ | א | נ | א | מ | ו | א | ש | מ | י |
| מ | פ | א | ו | ר | ו | ה | ז | ש | ה | א | ו |
| ו | ט | נ | ע | א | נ | פ | ס | א | ש | נ | ה |
| א | ת | ה | נ | ש | ה | ש | א | ר | נ | נ | נ |
| ר | א | ש | ה | ש | נ | ה | א | ל | ה | כ | ש |
| ש | א | ש | א | נ | ר | א | ש | ה | ש | נ | ה |
| כ | א | ו | א | ל | ו | ר | ו | כ | א | פ | ש |
| ר | ל | מ | מ | מ | ז | נ | א | מ | ו | א | א |
| מ | ו | ה | א | א | ג | א | ו | מ | א | נ | ר |
| א | א | נ | נ | ע | נ | א | ו | מ | א | נ | צ |

וויפיל מאל קענסטו טרעפן אינעם קעסטל "אומאן ראש השנה"?




גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אַהֵיים פוּנֶעם חֵדֶר בַּיי זֶעקְס יָאר, בֶּעט עֶר דִי מַאמֶע "גִיבּ מִיר עֶפֶּעס צוּ עֶסְן", אַזוֹי פִירְט זִיךְ אַ קִינְד - אִין שְׁטוּבּ!

וֶוען ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר, הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט זַיין קָאפּ אִין שַׁאנְק מִיט סְפָרִים, קֵיינְמָאל אִיז עֶר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מַאמֶע זָאגְן "גִיבּ מִיר עֶפֶּעס צוּ עֶסְן"! אַז מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן צוּם טִישׁ צוּ עֶסְן אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען עֶפֶּעס עֶסְן!

זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דָאס גֶעזֶען - ווִיאַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט; "דוּ קֶערְסְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל"! "דוּ בַּאלַאנְגְסְט צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל"! וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען 'זֶעקְס יָאר' הָאט עֶר אִים אַזוֹי גֶעזָאגְט "דוּ קֶערְסְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, חוּץ-לָאָרֶץ קֶען דִיר נִישְׁט סוֹבֵל זַיין"! דוּ קֶערְסְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

ר' אַבְרָהָם בַּ"ר נַחְמָן חַזָן אִיז גֶעפָאהְרְן עֶרְשְׁט אִין יָאר תרכ"ד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר אִיז שׁוֹין דַאן אַלְט גֶעוֶוען פִינֶעף אוּן פֶערְצִיג יָאר, אִיז עֶר גֶעפָאהְרְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיי פִינֶעף אוּן פֶערְצִיג יָאר!

אוּן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר 'צְוָואנְצִיג יָאר' גֶעפָאהְרְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּיז יָאר תרע"ד. רֹאשׁ הַשָּׁנָה ע"ד הָאט עֶר דָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק פָאהְרְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וַוייל עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי עֶרְשְׁטֶע ווֶעלְטְס קְרִיג, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר 'צְוָואנְצִיג יָאר' גֶעפָאהְרְן אַהִין אוּן צוּרִיק! גֶעפָאהְרְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל – אוּן גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, 'צְוָואנְצִיג נְסִיעוֹת' הָאט עֶר גֶעמַאכְט!

צְוָואנְצִיג יָאר - אוּן קַיין אֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה נִישְׁט פַארְפֶעלְן! קַיין אֵיין 'אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה' נִישְׁט פַארְפֶעלְן! נָאכְאַנַאנְד - צְוָואנְצִיג רֹאשׁ הַשָּׁנָה'ס, קַיין אֵיין 'אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה' נִישְׁט פַארְפֶעלְן, צְוָואנְצִיג נְסִיעוֹת מַאכְן, אַזאַ אָרִימַאן, אִין יֶענֶע צַייט, אִין יֶענֶע צַייטְן!

עֶר פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָאהְרְן אִינְמִיטְן זוּמֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם אִין פּוֹילְן פַארְן פָאהְרְן קַיין אוּקְרַיינֶע אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן נָאךְ סֻכּוֹת אִיז עֶר גֶעפָאהְרְן צוּרִיק! עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָאהְרְן דָארְטְן אֱלוּל - סוֹף אָב, גֶעוֶוען אִין פּוֹילְן, גֶעוֶוען דָארְט בַּיים "בִּיאַלֶע'ר רַבִּ", עֶר אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אִין עֶטְלִיכֶע עֶרְטֶער, אוּן אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן.

(גענומען פון טעם זקנים כי תשא תשל"ד, מיט טייטש אין ווערטער אויסלייג)

אַ שְׁמוּעֶס פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זַ"ל

הַיינְט אִיז דֶער הֵיילִיגֶער חֹדֶשׁ אֱלוּל, אַה, הַאלְטְן דֶעם חֹדֶשׁ 'חָשׁוּב', עַל כָּל פָּנִים כָאטְשׁ נִישְׁט זִיצְן לֵיידִיג, נָאר אָפְּהִיטְן דִי צַייט!

אַ חֹדֶשׁ פוּן יְמֵי רָצוֹן, יְמֵי רָצוֹן! תּוֹרָה וּתְפִלָּה, מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, מֶען קֶען כַאפְּן, כַאפְּן! וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן ר' לֵוִי יִצְחָק צוּ מֶען זָאל מֶער עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן תַּנַ"ךְ מִיט תִּקּוּנִים, אָדֶער דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים? אָט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֶען זָאל טוּהְן אִיז גוּט, אַבִּי נִישְׁט לֵיידִיג!"

אַבִּי נִישְׁט לֵיידִיג - אִיז דָא אוֹיף אַלֶעם צַייט! עֶס דַאכְט זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר הָאט נִישְׁט דִי צַייט, אָבֶּער אַז מֶען זָאל הִיטְן דִי צַייט וֶועט מֶען זֶען אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְכַאפְּן צַייט!

אַז מֶען הִיט דִי צַייט, אוּן ס'פֶעלְט אִים נָאךְ צַייט, שֶׁענְקְט מֶען פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַ בְּרָכָה מִן הַשָּׁמַיִם!

# אונטערוועגנס #11
## ביי רבי נתנ'ס נסיעות



ס'איז שוין געווען בערך פערציג יאר נאכן פטירה פון בעל שם טוב. דאס פייער פון חסידות איז שוין ווייט און ברייט פארשפרייט געווען, דורך די תלמידי הבעל שם וועלכע האבן ווייטער אויפגעשטעלט תלמידים פארצוזעצן דעם וועג.

אויך רבי נתן האט זיך שוין דאן פארעכטן אלס א חסיד וועלכער האט זיך פיל געווייקט ביי צדיקי הדור און קונה געווען אוצרות פון יראת שמים. אבער ער איז נאכאלץ נישט צופרידן געווען. רבי נתן האט געשפירט אז עס זענען נאך פאראן געוואלדיגע מדריגות אין עבודת השם וואס ער קען נאכנישט דערגרייכן. מיט זיין ברענענדיגע הארץ האט ער געזוכט אויסערגעווענליכע שלימות אין עבודת השם און עס האט אים זייער געארט אויף דעם וואס עס האט נאכאלץ נישט געפונען א ריכטיגן וועג ווייזער וואס זאל פארשטיין צו זיין תכונת הנפש. ער האט געוואלט זיך קענען דערהויבן פון איין מדריגה צום אנדערן ביז ער וועט קענען זוכה זיין צוצוקומען צו דינען דעם באשעפער מיט די זעלבע סארט דביקות וואס ער האט געזען ביי די הייליגע צדיקים ביי וועלכע ער האט זיך געווייקט.

אבער ליידער אז דער בעל שם טוב איז שוין נישט געווען אויף דעם עולם האט זיך שטארק אנגעזען דער חלל. אין א געוויסער מאס האט אנגעהויבן שוואכער צו ווערן דער הייליגער ברען וואס דער בעל שם טוב האט אריינגעברענגט ביי כלל ישראל אין אלגעמיין איבערהויפט ביים דאווענען. דאס דביקות איז שוין נישט געווען ווי אין די ערשטע דור אדער צוויי נאכן בעל שם טוב.

די סארט פארברענגען וואס דער בעל שם טוב און זיינע תלמידים האבן אריינגעברענגט איז מיט די צייט פארוואנדלט געווארן צו א פארברענג פון מער ברוינפן ווי חסידות... אין די פריערדיגע יארן פלעגן זיך די חסידים צאמקומען צו פארברענגען מיט דברי תורה וחסידות און אינצווישן האט מען זיך דערכאפט דאס הארץ מיט א שלינג ברוינפן, אבער ווען די פארברענגען זענען געענדערט געווארן האט רבי נתן זיך אפגעהאלטן פון אנטייל נעמען דערין. טראץ דעם וואס אין אנהייב זיין וועג צו חסידות האט רבי נתן יא געהאלטן פון די פארברענגען. ער האט זיך אפילו געדינגען מיט זיין חבר פון נעמירוב, "רבי זלמן דער קליינער," ווי מען האט אים גערופן, איבער די סארט פארברענגען, אבער מיט די צייט האט רבי נתן איינגעזען אז דער חבר איז געווען גערעכט.

אזוי האט זיך רבי נתן געפונען אויף דער וועלט איינער אליין וועלכער פרובירט מיט אלע כוחות צו שטייגן און זיך דערהאלטן. אויב איז אים שוין ענדליך געלונגען צו דערגרייכן עפעס א מדריגה איז ער מיט די צייט אראפגעפאלן פון דעם, און

דאס האט זייער צעבראכן רבי נתן.
קינדער טייערע, מען דארף פארשטיין אז רבי נתן איז שוין געווען א צדיק ווי ער איז. ער האט שוין געהאט דערגרייכט אומגעהויערע ידיעות התורה, געווען אויסגעארבעט מיט מידות טובות, זיין דאווענען איז אויך געווען הונדערט פראצענט בסדר, אבער פארט... פארט... האט זיין הייליגע נשמה אים גענאגט און נישט געגעבן קיין מנוחה.
קוקט אויס אז ער האט געהאט א תפקיד פאר די קומענדיגע דורות און ער האט נישט געקענט שטיל בלייבן, עפעס אינעווייניג האט גערוישט אין אים...
ווער וועט קויפן בילקעס?...
ס'איז געווען אין א געווענליכן זומערדיגן מוצאי שבת אין יאר ה'תקס"א, ווען רבי נתן איז געזעסן מיט תלמידים און חסידים פון הרה"ק רבי לוי יצחק בארדיטשעווער ביי א מלוה מלכה, וואס איז נישט געווען סתם א פארברענג נאר א געלעגנהייט צו שטייגן אין עבודת השם. אינצווישן האט מען זיך געגוויטיגט אין נאך א צאל בולקעס. ווער זאל יעצט ביינאכט ארויסגיין קויפן בולקעס ביים בעקער? האט מען געווארפן גורל און עס איז אויסגעפאלן אויף רבי נתן, אז ער זאל זיין דער שליח.
רבי נתן שפאנט ארויס אין גאס אין די טונקלקייט, ווען א דינע שיין פון דער לבנה באלייכט זיין וועג. 'אך, וואס וועט זיין מיט מירך?' האט ער זיך ווידער געפרעגט טרעפנדיג זיך אליין מיט זיך און דעם אויבערשטן. 'אזויפיל שוין פרובירט צו שטייגן אין עבודת השם, שוין ענדליך געווארן א חסיד און פארט קען איך מיך נישט האלטן אין קיין מדריגות... איי, נתן, וואס וועט זיין מיט דיר? אויף צו קויפן בולקעס ביסטו באשאפן געווארן?!'
די טיפע שאלות וואס האבן געערגערט רבי נתן אלס קינד ווען ער האט פלוצלונג באמערקט ווי אן אלטער איד קומט מער נישט אין שול נאכדעם וואס ער איז נפטר געווארן, האבן זיך ווידער באנייט און געשניטן רבי נתן מיט א טיפע ווייטאג.
אזוי גייט רבי נתן צווישן די געסלעך אין דער טונקלקייט פון דער נאכט מיט א פארקלעמט הארץ.
ער גייט פארביי א בית המדרש און ווי פון זיך אליין שלעפן אים זיינע פיס אריין צווישן די ליידיגע פיר ווענט. ער טרעפט זיך אין א ווינקל פון ווייבער שול וואו ער נעמט ארויס א תהילים און הייבט אן צו גיסן טרערן איבער די אפענע בלעטער. די פסוקים פון דוד המלך האבן אויסגעדרוקט זיין אינערליכן ווייטאג, נישט קיין ווייטאג אויף געלט, כבוד אדער אנדערע גשמיות'דיגע געברויכן, ניין, דאס האט פאר רבי נתן גאנץ קנאפ אינטערעסירט, נאר אויף צו קענען טון רצון הבורא איז געווען זיין הויפט דאגה. טראץ דעם וואס רבי נתן האט זיך נאך דאן געמוטשעט מיט צער גידול בנים און האט נאכנישט זוכה געווען צו זרע של קיימא, האט אים אבער זיין עבודת השם מער געקומערט.
פסוק נאך פסוק הערט זיך אין דעם ליידיגן שול מיט א ווידער־קול וואס איז באגלייט מיט ביטערע בכיות. רבי נתן וויינט און וויינט און קען נישט צו זיך קומען פון גרויס צער, מיט אן אויסטערלישן פארנעם וואס מען קען נישט באגרייפן.
און אויב וויל מען זיך עטוואס פארשטעלן ווי אזוי רבי נתן האט געוויינט, קען מען אריינקוקן אין די ווערטער וואס רבי נתן שרייבט אז ער איז אנידערגעפאלן אויף דער ערד ביים תהילים זאגן מיט גרויס געוויין און אינמיטן איז ער אנטשלאפן געווארן...
טייערע קינדער, ליינט אי"ה אין קומענדיגן נומער איבער די היסטארישע חלום וואס רבי נתן האט זיך גע'חלומ'ט דארט אין ביהמ"ד ווען ער איז איינגעשלאפן אינמיטן תהילים זאגן...

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ 'מֶלֶךְ' - דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט אַ 'חָכָם'. הָאט זִיךְ דֶער 'מֶלֶךְ' אָנְגֶערוּפְן צוּם 'חָכָם': "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] ס'פַארְהַאנְדְן אַ 'מֶלֶךְ', וָואס עֶר חַתְמֶ'עט זִיךְ: אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער 'גִבּוֹר', אוּן אַ 'אִישׁ־אֱמֶת', אוּן אַ 'עָנָיו'" (כְּלוֹמַר: אַ אֱמֶתְ'ער מֶענְטְשׁ, אוּן הַאלְט פוּן זִיךְ נִישְׁט).

"אַ 'גִבּוֹר' - וֵוייס אִיךְ אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער 'גִבּוֹר' - וָוארְן אַרוּם זַיין 'מְדִינָה', גֵייט דֶער 'יַם' - אוּן אוֹיף דֶעם 'יַם', שְׁטֵייט 'חַיִל' [מִילִיטֶער] אוֹיף 'שִׁיפְן', מִיט 'הוּרְמַאטֶעס' [פֵּייעֶר־בִּיקְסְן] - אוּן לָאזְן נִישְׁט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען] - אוּן פוּן דֶעם 'יַם' אִינֶעוֵויינִיג, אִיז פַארְהַאנְדְן אַ גְרוֹיסֶער 'זוּמְפּ' [וָואס מְ'קֶען דָארְט אַיינְזִינְקְן], אַרוּם דֶער 'מְדִינָה' - וָואס סְ'אִיז דָארְטְן מֶער נִישְׁט דָא, נָאר אַ 'קְלֵיין־וֶועגְל' [וֶועג], וָואס סְ'קֶען דָארְט נִישְׁט גֵיין, נָאר אֵיין מֶענְטְשׁ - אוּן דָארְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ 'הוּרְמַאטֶעס' - אוּן אַז אֵיינֶער קוּמְט 'מִלְחָמָה' הַאלְטְן, שִׁיסְט מֶען מִיט דִי 'הוּרְמַאטֶעס' - קֶען מֶען אַהִין נִישְׁט צוּטְרֶעטְן [צוּקוּמֶען].

נָאר דָאס וָואס עֶר חַתְמֶ'עט זִיךְ: "אַז עֶר אַז אַ 'אִישׁ־אֱמֶת', אוּן אַ 'עָנָיו'" - דָאס וֵוייס אִיךְ נִישְׁט.

אוּן אִיךְ וִויל, אַז דוּ זָאלְסְט מִיר בְּרֶענְגֶען, דֶעם 'פַּאטְרֶעט' [בִּילְד] פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ'"!

וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט, אַלֶע 'פַּאטְרֶעטְן' [בִּילְדֶער] פוּן אַלֶע 'מְלָכִים' - אוּן דֶער 'פַּאטְרֶעט' פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶע'חַתְמֶ'עט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען בַּיי קַיין שׁוּם 'מֶלֶךְ' - וָוארְן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מֶלֶךְ', אִיז פַארְבָּארְגְן [בַּאהַאלְטְן] פוּן מֶענְטְשְׁן - וָוארְן עֶר זִיצְט אוּנְטֶער אַ 'פִּירְהַאנְג' - אוּן עֶר אִיז וַוייט, פוּן דִי 'לַייט' [מֶענְטְשְׁן] פוּן זַיין 'מְדִינָה'.

אִיז דֶער 'חָכָם' גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'מְדִינָה' אַרַיין [פוּן יֶענֶעם 'מֶלֶךְ']! הָאט זִיךְ דֶער 'חָכָם' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "עֶר בַּאדַארְף וִויסְן, דֶעם 'מְהוּת' פוּן דֶער 'מְדִינָה'" (כְּלוֹמַר: דִי זַאךְ פוּן דֶער 'מְדִינָה', וִויאַזוֹי דִי 'מְדִינָה' פִירְט זִיךְ) - אוּן דוּרְךְ וָואס קֶען עֶר וִויסְן דֶעם 'מְהוּת' פוּן דֶער 'מְדִינָה' - דוּרְךְ דֶעם 'קַאטָאוֶועס' [שְׁפַּאס; שְׁפֶּעטְן; גֶעלֶעכְטֶער] פוּן דֶער 'מְדִינָה' - וָוארְן אַז מְ'בַּאדַארְף וִויסְן אַ זַאךְ - מוּז מֶען וִויסְן דֶעם 'קַאטָאוֶועס' פוּן דֶער זַאךְ".

וָוארְן סְ'פַארְהַאנְדְן כַּמָּה עֶרְלֵיי 'קַאטָאוֶועס':

סְ'פַארְהַאנְדְן אֵיינֶער וִויל טַאקֶע יֶענֶעם טְרֶעפְן [שֶׁעדִיגְן] מִיט זַיינֶע רֵייד - אוּן אַז יֶענֶער קוּקְט זִיךְ אַרוּם [עֶר אִיז מַקְפִּיד אוֹיף אִים], זָאגְט עֶר אִים: "אִיךְ טְרַייבּ 'קַאטָאוֶועס'" - אַזוֹי־וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים וְכוּ', וְאָמַר הֲלֹא מְצַחֵק [מְשַׂחֵק] אָנִי" (כְּלוֹמַר: אַזוֹי־וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט פַיילְן אִין הַארְצְן אַרַיין - אוּן עֶר זָאגְט אִיךְ טְרַייבּ [נָאר] 'קַאטָאוֶועס' [אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעמֵיינְט אֱמֶת'דִיג, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעמַאכְט אַ 'וֶוערְטְל']).

אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיינֶער, וָואס עֶר מֵיינְט

טאקע [נאַר] אויף 'קאַטאָוועס' [און נישט אֱמֶת'דיג] – און ער איז פּאַרט מַזיק דעם אַנדערן מיט זיינע רייד.

און אַזוי איז פאַרהאַנדן כַּמָּה ערליי 'קאַטאָוועס'.

און ס'פאַרהאַנדן אין אַלע 'מְדִינוֹת' – איין 'מְדִינָה' – וואס די 'מְדִינָה', איז כּוֹלֵל [עס נעמט אַריין אין זיך] אַלע 'מְדִינוֹת' (כְּלוֹמַר: די 'מְדִינָה', איז דער עִיקָר און דער כְּלָל פון אַלע 'מְדִינוֹת').

און אין דער [דאָזיגער] 'מְדִינָה' – איז פאַרהאַנדן אַ 'שְׁטָאט' – וואס די 'שְׁטָאט', איז כּוֹלֵל אַלע 'שְׁטֶעט', פון גאָר דער 'מְדִינָה' וואס זי איז כּוֹלֵל אַלע 'מְדִינוֹת'.

און אין דער [דאָזיגער] 'שְׁטָאט' – איז פאַרהאַנדן איין 'שְׁטוּבּ' – וואס זי איז כּוֹלֵל אַלע 'שְׁטִיבּער', פון דער גאַנצער 'שְׁטָאט' וואס די 'שְׁטָאט' איז כּוֹלֵל וְכוּ', כַּנַּ"ל [ווי אויבּנדערמאַנט].

און דאָרט אין דער [דאָזיגער] 'שְׁטוּבּ' – איז פאַרהאַנדן אַ 'מענטש' – וואס ער איז כּוֹלֵל גאָר די 'שְׁטוּבּ', וואס די 'שְׁטוּבּ', איז כּוֹלֵל וְכוּ', כַּנַּ"ל [ווי אויבּנדערמאַנט].

און דאָרט איז פאַרהאַנדן איינער – וואס ער מאַכט גאָר דאָס 'לֵיצָנוּת' און דעם 'קאַטאָוועס', פון דער גאַנצער 'מְדִינָה.

האָט דער 'חָכָם' מיט זיך גענומען, זייער אַסאַך געלט – און איז אַהינגעגאַנגען! האָט ער געזעהן, אַז מ'מאַכט דאָרט, כַּמָּה ערליי 'געשְׁפֶּעט' און 'קאַטאָוועס'.

האָט ער פאַרשְׁטאַנען אין דעם 'קאַטאָוועס' – אַז די 'מְדִינָה', איז דורך פול מיט 'שְׁקָרִים' (דְּהַיְינוּ: ליגנְט) – וואָרן ער האָט געזעהן, אַז מ'מאַכט 'געשְׁפֶּעט' וויאַזוי מ'נאַרט מענטשן אין 'מַשָּׂא־וּמַתָּן' – און וויאַזוי ער קומט זיך לאָדן [מִשְׁפְּט'ן] אין 'מאַגיסטראַט' [קליינע געריכט] – און דאָרט איז דורך [אינגאַנצן] 'ליגנְט' – און זיי נעמען 'שׁוֹחַד'.

גייט ער צום העכערן 'סָאנְד' [העכערן געריכט] – און דאָרט איז אויך גאָר 'ליגנְט'. און זיי האָבּן אַלץ געמאַכט 'געשְׁפֶּעט' אויף 'קאַטאָוועס', 'אָנְשְׁטעלְן' פון די אַלע זאַכן.

האָט דער 'חָכָם' פאַרשְׁטאַנען אין דעם 'קאַטאָוועס': אַז די 'מְדִינָה', איז פול מיט 'ליגנְט', און מיט 'רַמָּאוּת' [פּאַפּעריי] – און סע [ס'איז] גאָר קיין שום 'אֱמֶת' נישט אין דער 'מְדִינָה'.

איז ער געגאַנגען, און האָט געהאַנדלט אין דער 'מְדִינָה' – און האָט זיך געלאָזט [אַז מען זאָל אים נאַרן אין דעם 'מַשָּׂא־וּמַתָּן'.

איז ער געגאַנגען זיך לאָדן פאַר די 'סָאנְדעס' [געריכטן] – און זיי זענען אַלע פול מיט 'ליגנְט', און נעמען 'שׁוֹחַד' – היינְט האָט ער זיי געגעבּן 'שׁוֹחַד' – מאָרגן האָבּן זיי אים נישט געקענט.

איז ער געגאַנגען צו אַ העכערן 'סָאנְד' [געריכט] – און דאָרט איז אויך פול מיט 'ליגנְט'.

בּיז ער איז געקומען פאַר דעם 'סאַנאַט' [העכסטן געריכט] – און דאָרט איז אויך דורך 'ליגנְט' און 'שׁוֹחַד'.

בּיז ער איז געקומען צום 'מֶלֶךְ' אַליין! אַז ער איז געקומען צום 'מֶלֶךְ' – האָט ער זיך אָנגערופן און האָט געזאָגט: "איבּער וועמען בּיזטו אַ 'מֶלֶךְ? – די 'מְדִינָה' איז דאָך אינגאַנצן פול מיט 'ליגנְט' דורך – פון דעם אָנְהייבּ בּיז אין אויסלאָז – און ס'איז אין איר, קיין שום 'אֱמֶת' נישט דאָ."

און [דער חָכָם] האָט אָנגעהויבּן אויסצודערציילן [פאַרן מֶלֶךְ], גאָר דאָס 'פאַלְטְשְׁקייט' פון דער

׳מְדִינָה׳.

ווִי דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהֶערְט זַיינֶע רֵייד – הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבּוֹיגְן זַיינֶע ׳אוֹיעֶרְן׳ צוּם ׳פִּירְהַאנְג׳, עֶר זָאל הֶערְן זַיינֶע רֵייד – וָוארְן סֶע [סְ׳אִיז] בַּיי דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, אַ גְרוֹיס וואוּנְדֶער גֶעוֶוען, אַז סְ׳זָאל זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ ׳מֶענְטְשׁ׳, וָואס עֶר זָאל וִויסְן, גָאר דָאס ׳פַּאלְטְשְׁקֵייט׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳.

אוּן דִי ׳שָׂרֵי־מְלוּכָה׳, הָאבְּן גֶעהֶערְט זַיינֶע רֵייד – אוּן זֶענֶען אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען – אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלְץ וַוייטֶער, דִי ׳פַּאלְטְשְׁקֵייט׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳.

הָאט זִיךְ דֶער ׳חָכָם׳ אָנְגֶערוּפְן: ”מֶען וָואלְט גֶעקֶענְט זָאגְן, אַז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי־וִוי זֵיי, אַז עֶר הָאט לִיבּ ׳לִיגְנְט׳ אַזוֹי־וִוי דִי ׳מְדִינָה׳ – נָאר אַדְרַבָּא, פוּן דַאנֶעט זֶעהְט מֶען, וִויאַזוֹי דוּ בִּיזְט אַ ׳אִישׁ־אֱמֶת׳ – אוּן דֶערִיבֶּער בִּיזְטוּ וַוייט פוּן זֵיי, מַחֲמַת [וַוייל] דוּ קֶענְסְט נִישְׁט סוֹבֵל זַיין, דֶעם ׳שֶׁקֶר׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳“.

אוּן [דֶער ׳חָכָם׳] הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, זֵייעֶר זֵייעֶר צוּ לוֹיבְּן!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ – מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ׳עָנָיו׳ – וּבְמָקוֹם גְדוּלָתוֹ שָׁם עַנְוְתָנוּתוֹ [מְגִילָה לא. – אוֹיפְן זֶעלְבְּן פְּלַאץ וואוּ מֶען גֶעפִינְט זַיין גְרוֹיסְקֵייט, דָארְט גֶעפִינְט מֶען זַיין עֲנִיווּת] – וָוארְן אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן אַ ׳עָנָיו׳, אַז וָואס מֶער מְ׳לוֹיבְּט אִים אוּן מְ׳גְרוֹיסְט אִים – וֶוערְט עֶר אַלְץ ׳קְלֶענֶער׳ בַּיי זִיךְ, אוּן מֶער ׳עָנָיו׳ אַלְץ.

אוּן מַחֲמַת [וַוייל] דֶער ׳חָכָם׳ הָאט זֵייעֶר ׳גֶעלוֹיבְּט׳ אוּן ׳גֶעגְרוֹיסְט׳ דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ – אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גְרוֹיס ׳עֲנָוָה׳, אוּן אִין ׳זֵייעֶר־קְלֵיינְקֵייט׳ אַרַיין – בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן ׳גָארְנִישְׁט׳.

הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן – אוּן הָאט אַ וַוארְף גֶעטָאן דֶעם ׳פִּירְהַאנְג׳ – עֶר זָאל זֶעהְן דֶעם ׳חָכָם׳ – וֶוער אִיז דָאס וָואס עֶר וֵוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט דָאס אַלְץ.

אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן דָאס ׳פָּנִים׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ – הָאט אִים דֶער ׳חָכָם׳ גֶעזֶעהְן – הָאט עֶר אָפְּגֶעמָאלְט זַיין ׳פַּאטְרֶעט׳ [בִּילְד] – אוּן הָאט [דָאס] גֶעבְּרַאכְט צוּם ׳מֶלֶךְ׳.

# תְּפִלָּה אוֹיף דִי נְסִיעָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף אוּנְז וֶועגְן דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען, אוּן זַיי אוּנְז צוּ הִילְף מִיר זָאלְן קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶת׳ע צַדִיקִים אוֹיף ראש הַשָּׁנָה, אוּן זִיךְ בֶּאֱמֶת מְקַשֵׁר זַיין צוּ זֵיי, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת בִּשְׁלֵמוּת דוּרְךְ זֵיי, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין גוּטֶע חֲסָדִים.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אוּמְשְׁנֶעלְסְטְן ”וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.

זַיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָׁה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן





## די זעקסטע מעשה - מלך ענו

**א. וויאזוי האט זיך דער מלך גע'חתמ'עט?**
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עניו
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עושר

**ב. וועלכע זאך פון די חתימה האט דער מלך געזאגט פאר דעם חכם אז ער ווייסט עס נישט?**
- ☐ אז ער איז א איש אמת און א עניו
- ☐ א אז ער איז א גרויסער גבור
- ☐ אז ער איז א איש אמת

**ג. האט דער מלך געהאט דעם פאטרעט פון אלע מלכים?**
- ☐ ער האט געהאט אלע פאטרעטן
- ☐ ער האט נישט געהאט קיין אייגן פטרעט
- ☐ ער האט געהאט אלע פאטרעטן חוץ פון דעם פאטרעט פון דער מלך וואס האט זיך אזוי גע'חתמ'עט

**ד. וואס איז מיט דעם מלך?**
- ☐ ער זיצט אונטער א פארהאנג
- ☐ ער איז ווייט פון די לייט פון זיין מדינה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. דורך וואס קען דער חכם וויסן די מהות פון די מדינה?**
- ☐ דורך די קאטאוועס פון דער מדינה
- ☐ דורך די שרים פון די מדינה
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וואס האט דער חכם פארשטאנען אויף יענע מדינה?**
- ☐ אז די מדינה איז פול מיט גאוה
- ☐ אז די מדינה איז פול מיט צדיקים
- ☐ אז די מדינה איז פיל מיט שקרים

**ז. וואו איז דער חכם אנגעקומען ביים סוף?**
- ☐ צו די סאנדים
- ☐ צו דער משנה למלך
- ☐ צום מלך אליין

**ח. וואס האט דער חכם פארציילט פאר דעם מלך**
- ☐ די פאלשקייט פון די מדינה
- ☐ די גאוה פון די מדינה
- ☐ די אמת פון די מדינה

**ט. וואס האט דער מלך געטון ווען דער חכם האט דאס געזאגט?**
- ☐ גארנישט
- ☐ ער האט זיך צוגעבויגן זיינע אויערן צום פארהאנג
- ☐ ער האט גלייך אראפ געווארפן דעם פארהאנג צו זען דעם חכם

**י. וואס האט דער מלך געטון?**
- ☐ ער האט געקוקט פון די זייט פון פארהאנג צו זען דעם חכם
- ☐ ער האט געלייגט נאך א פארהאנג אז דער חכם זאל אים נישט זען
- ☐ ער האט א ווארף געטון דעם פארהאנג ער זאל זען דעם חכם

**יא. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ איינמאל
- ☐ צוויימאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וואספארא לשון וואס עס ווערט דערמאנט ביי די מעשה – זאגט מען מוצאי שבת?

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וועלכע מידה טרעפן אין די מעשה אז מען זאל זיך זייער דערוויטערן דערפון? **קנאה**

וויפיל מאל האט דער קעניג גוזר געווען? **3**, - וואס האט דער קעניג גוזר געווען אויף די אידן? - **זיי זאלן פאר אים מתפלל זיין,**

און וואס האבן די אידן געטון? **געזוכט א צדיק, כדי ער זאל מתפלל זיין און זאל פועל'ן אז ער זאל האבן קינדער**

**געווינער אויף די בחינות פון 'בן מלך מאבנים טובות' איז הילד הה' יעקב יצחק רוזנברג ירושלים כתה ב'**

**די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר' משה גפנער הי"ו**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# דִי אֱמֶת דֶערְנֶענְטֶערְט

אִין דִי זֶעקְסְטֶע מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעשִׁיקְט אַ חָכָם מְבָרֵר צוּ זַיין אִיבֶּער אַ קֶענִיג וָואס חֲתְמְ'ט זִיךְ אַלְס אַ 'גְרוֹיסֶער גִּבּוֹר, אַן אֱמֶת'דִיגֶער, אוּן אַן עָנָיו'. נָאךְ גְרוֹיסֶע אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְגֶען, הָאט דֶער חָכָם מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי מְדִינָה וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט בְּלָאף, אוּן צוּם סוֹף אוֹיךְ צוּם קֶענִיג זֶעלְבְּסְט.

"אַ שְׁטַארְקֶע קֶענִיג, אֱמֶת'דִיגֶער אוּן אַן עָנָיו" אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס עֶר אִיז דֶער קֶענִיג אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט - וָואס אִיז פוּל מִיט לִיגְנְט אוּן בְּלָאף. דִי מְדִינָה אִיז פוּל מִיט שְׁקָרִים, שׁוֹחַד אוּן שְׁוִינְדְל. אוּן דוּרְךְ דִי שְׁקָרִים וֶוערְט מֶען דֶערְוַוייטֶערְט פוּן קֶענִיג, אוּן דֶער קֶענִיג בַּאהַאלְט זִיךְ פוּן זֵיי. אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט לִיגְנְט, דְרֵייט זִיךְ אַרוּם מִיטְן גֶעפִיל אַז אַז עֶר אִיז וַוייט אוּן פַארְהוֹילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער חָכָם, אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן אֱמֶתְ'ן צַדִּיק, וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אוּנְז אוּן גֵייט אַרַיין אִין דִי מְדִינָה אוּן אַנְטְפְּלֶעקְט מִיט זַיין חָכְמָה דִי סִיבָּה אוּן שׁוֹרֶשׁ צוּלִיב וָואס דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִי מְדִינָה זֶענֶען אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם קֶענִיג. דֶער צַדִּיק אַנְטְפְּלֶעקְט אוּנְז אַז דָאס שֶׁקֶר אוּן בְּלָאף דֶערְוַוייטֶערְט אוּנְז פוּן בַּאשֶׁעפֶער!

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לקו"מ קפ"ח) אַז מֶען דַארְף פָארְן צוּ אַ צַדִּיק, וָואס זָאל אִים צוּרִיקְגֶעבְּן זַיין אֲבֵידָה. אוּן מֶען דַארְף זוּכְן דִי אֲבֵידָה, אָבֶּער דֶער צַדִּיק גֶעבְּט עֶס נִישְׁט צוּרִיק בִּיז עֶר אִיז בּוֹדֵק צִי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ פָּאפֶּער אָדֶער אַ לִיגְנֶער. צוּם בַּאמֶערְקְן: עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין בַּיים צַדִּיק, אוּן טְרָאץ דֶעם, גֵייט דֶער צַדִּיק אִים נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ מִיט בְּלָאף אוּן בַּאהַאלְט דֶעם אֱמֶת.

"אִיר הֶערְט, אַהֲרֶ'עלֶע, נָתֶ'עלֶע אוּן אֶלְעָזָר? אִין אַ שָׁעָה אַרוּם גֵייט דִי פְלִיגֶער לַאנְדְן, מִיר וֶועלְן אַרָאפְּגֵיין צוּ נֶעמֶען אוּנְזֶערֶע רֶענְצְלֶעךְ, מִיר וֶועלְן פָארְן אַפָּאר שָׁעָה, אוּן דֶערְנָאךְ וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען צוּם אוֹיסְגֶעקוּקְטְן אָרְט - דָאס צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".



"הוֹ הוֹ, וִויפִיל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעוַוארְט!" רוּפְט אֶלְעָזָר אוֹיס. "אִיךְ וֶועל דָארְטְן מִתְפַּלֵל זַיין אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ צַדִּיק אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען מְוַותֵּר זַיין"... זָאגְט נָתֶ'עלֶע.

"אִיר זָאלְט וִויסְן, אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֵייט אִיר קֶענֶען בֶּעטְן וָואס אִיר וִוילְט. צוּ פַארְשְׁטֵיין אַ קוּשְׁיָא אִין גְמָרָא, זִיךְ אוֹיפְפִירְן רִיכְטִיג צְוִוישְׁן חֲבֵרִים, צוּ זַיין פְרֵיילֶעךְ אוּן זְרִיזוּת'דִיג.. אָבֶּער אוֹיבּ אִיר וִוילְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל עֶנְק בְּרֶענְגֶען דָאס וָואס אִיר וִוילְט, מַאכְט עֶר מִיט עֶנְק אַ תְּנַאי".

"וָואס אִיז דִי תְּנַאי? וָואס, וָואס?"

המשך אויף זייט 2

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **יוסף רוזנטאל** הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **אברהם נחמן מייל** הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **נחמן פרטיג** הי"ו
לרגל הולדת בנו בכורו למזל טוב
בשעה טובה ומוצלחת

ב"ה

# מודעה משמחת

## דער אלבום אויף וואס מען ווארט שוין יארן בכליון עיניים

## אין פאר צום רבי'ן

אריינברענגענדיג

**די נסיעה צום הייליגן רבי'ן צו דיין קינד'ס הארץ און נשמה**




אן אלבום וואס דארף זיין אין יעדע אידישע שטוב!

**טייערע איבערגעגעבענע עלטערן, אייער צדיק'ל קען שוין זאגן תיקון הכללי..**

**איר ווילט ער זאל קענען ענטפערן אויף די אלע שאלות:**

- » וואו אויף די מאפע איז אומאן?
- » פארוואס האט דער רבי אויסגעוועלט צו ליגן דוקא באערדיג אין אומאן?
- » וואס איז דאס 'מניעות' וואס טרעפן זיך אן ביים פארן צום צדיק?
- » וואס לייגט מען אריין אין רענצל?
- » וויאזוי פירט מען זיך אויף אין עירפארט?
- » וואס טוט מען ווען מען טרעפט זיך אן אין עראפלאן מיט אן אומפאסיגן שכן?
- » פארוואס האט נתי'ס טאטע געמאכט א סיום ביים אריינקומען צום ציון?
- » וואס האט נתי געמיינט זעענדיג ווי א איד וויינט ביים ציון ווי א קליין קינד?
- » וויאזוי זיך צו ספראווען מיט די שפילצייג פארקויפער ביים אריינגאנג צום ציון?
- » וואס איז די מעשה פון די 30,000 קדושים הי"ד?
- » ווי אזוי האבן אנ"ש פון פון פריערדיגע דורות געהאט מסירות נפש צו קומען צום רבי'ן?
- » וויאזוי איז מען מתפלל ביים רבי'נס ציון?

דאס אלעס און נאך וועט איר הערן אינעם אינהאלטסרייכע אלבום וואס וועט בעז"ה אריינפירן אייער קינד מיטן ציענדע נסיעה פון נתי צום ציון פון הייליגן רבי'ן,

**אנגעהויבן פון די הכנות אין שטוב און אין חדר ביזן האבן די זכיה צו גרייכן דעם הייליגן ציון און זאגן דעם תיקון הכללי.**

**געאייגנט פאר די גאנצע משפחה.**
(זייט געווארנט: הערן דעם אלבום קען צוברענגען שטארקע כיסופין און בענקענישן צום הייליגן רבי'נס ציון.)

**דערציילט דורך ברסלב'ע מחנכים ספעציעל אראפגעלאזט צו די אינגע קינדער**

**ארויסגעגעבן דורך 'דעם רבי'נס ליכט'**

**(נ.ב. קויפן דעם אלבום דורך א כשר'ע וועג וועט אפהאלטן שאדנס פאר די מוציאים לאור)**

**צו באקומען:**

אין אלע ברסלב'ע צענטערן

דעם רבי'נס ליכט